ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# מנורת המאור

## נר ו' – ז'

בלשון הקודש ואידיש

**100**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

# חתימת ספר מנורת המאור

המלך עליו השלום באמור על עצמו ואנכי תולעת ולא איש וגו' · וכן מצינו בכל צדיק וצדיק שבכל דור ודור שכל מה שהיה הקדוש ב"ה נותן להם גדולה היו משפילין בה עצמן ולפיכך נמשלו ישראל לגפן שנאמר (תהלים פ) גפן ממצרים תסיע לומר לך מה גפן זו כל אשכול שהוא גדול מחברו הוא יותר נמוך כך ישראל כל מי שהוא גדול מחברו צריך להיות עניו יותר מחברו · כיוצא בדבר הדיוט שוחה בתפלתו באבות תחלה וסוף ובהודאה תחלה וסוף · כ"ג שוחה בתחלת כל ברכה וברכה ובסוף כל ברכה וברכה · מלך כיון ששוחה אין זוקף עד שסיים תפלתו · ללמדנו שהגדול צריך להיות יותר עניו ובזה יזכה למעלה וכבוד · כדגרסינן בפרק קמא דעירובין דף י"ג ללמד שכל המשפיל את עצמו הקב"ה מגביהו · וכל המגביה את עצמו הקדוש ב"ה משפילו · וכל המחזר אחר הגדולה גדולה בורחת ממנו · וכל הבורח מן הגדולה גדולה מחזרת אחריו וכו' כדאיתא לעיל בנר א' כלל ג' חלק א' פ"ב · גדולה ענוה שמצלת לבעליה ביום חרון אף ה' מכל צרה והקב"ה מגין בעדו ושומרו ומסתירו תחת כנפיו עד יעבור זעם שנאמר (צפניה ב) בקשו את ה' כל ענוי ארץ *אשר משפטו פעלו בקשו צדק בקשו ענוה אולי תסתרו ביום חרון אף ה' · ולא עוד אלא שהקב"ה מחונן לענוים שנאמר (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן · גדולה ענוה שמנחלת לבעליה כסא כבוד שנאמר (שמואל א ב) מקימי מעפר דל וגו' וכסא כבוד ינחילם · וכתיב *ולפני כבוד ענוה · גדולה ענוה *שבישועת ישראל הענוים יהיו מפוארים ועליזים ושמחים בכבוד שנאמר (תהלים קמט) יפאר ענוים בישועה יעלזו חסידים בכבוד ירננו על משכבותם רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם וגו' · ולא יפחדו הענוים מחבלו של משיח אבל יהיו נצולין בצדק ובמישור. שנאמר (ישעיה יא) ושפט בצדק ד לים והוכיח במישור לענוי ארץ וכו' · ולא עוד אלא שיתענגו ויתעדנו בחלקם ובנחלתם שנאמר (תהלים לז) וענוים יירשו ארץ והתענגו על רוב שלום · ברוך ה' לעולם אמן ואמן : חזק

הפסד לו לבנים על ידי בניו : אשר משפטו פעלו אף על פי שפועל הקדוש ב"ה משפטו ליסר את העולם מי שהוא עניו ניצל ממנו : ולפני כבוד אין בא לאדם כבוד מהקדוש ברוך הוא אלא שהיה מקודם לכן עניו ובזכותו זכה לכבוד וכן להפך לפני שבר גאון לא בא לאדם שבר אלא על שהיה מקודם גאות : שבישועת ישראל בעת הגאולה הענוים עליזים לשון ששון ושמחה שישמחו עצמם שהם קרבו הגאולה בזכות שהיו ענוים שנאמר יפאר ענוים שהם גרמו לישועת הגאולה ויזכו לרוב שלום כי ענוה גורם שלום כמדתם יתן להם הקב"ה רוב שלום דמדה טובה מרובה וזה והתענגו על רוב שלום וזה יהיה בעת הגאולה שיירשו ארץ במהרה בימינו אמן ואמן :

נשלם הפירוש נפש יהודה · אשר בידו נפש כל חי אתן שבח ותודה :

ער האט אויף זיך גזאגט איך בין איין ווארים אונ ניט קיין מענטש · אונ אזו גפינן מיר ביא אלע צדיקים וואס אין אלע דורות זיינן גוועז דאס ווען גאט האט זייא מער גדולה גיגעבן האבן זייא זיך מער נידריג געהאלטן · אונ דרום זיינן די ישראל גגליכן צו איין וויין שטאק וויא אין פסוק שטייט איין וויין שטאק האסטו גאט ארויס גיפירט פון מצרים דען אזו וויא דער וויין שטאק איטליכע צווייג וואס איז גרעסער הייגנט זיא מער אראפ נידריג · אזו אויך ישראל ווער עס איז העכר פון דעם אנדרן מוז ער זיך מער נידריגר האלטן · אונ אזו איין גליכן גפינען מיר ביא דר תפלה פון שמונה עשרה איין פראסטר מענטש בוקט זיך נאר ביא דער ערשטר ברכה אין אן הויב אונ אין אויס לאז אונ ביא רצה אין אן הויב אונ אין אויס לאז · אונ איין כהן גדול מוז זיך בוקין ביא איטליכע ברכה אין אן הויב אונ אין אויס לאז אונ איין מלך מוז די גאנצע שמונה עשרה שטיין איין גבויגן ביז ער לאזט זיא אויס · דאס לערנט אונז דאס דר חשובר מענטש מוז זיך מער נידריג האלטן · אונ דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו גדולה אונ צו כבוד וויא מיר האבן אייבן גשריבן איטלכר וואס האלט זיך גרויס מאכט אים גאט נידריג אונ דער וואס האלט זיך נידעריג מאכט אים גאט הויך אונ חשוב · אויך איטלכר וואס יאגט נאך נאך כבוד אונ גדולה · אנטלויפט דער כבוד אונ די גדולה פון אים · אונ דער וואס אנטלויפט פון גדולה אונ כבוד · יאגט דר כבוד אונ די גדולה אים נאך : גדולה ענוה איז זייער גרויס דאס זיא איז מציל די וואס האבן איר פון אלע צרות אין דעם טאג פון גאטס צארן אונ גאט איז איין בשיצונג פאר דעם עניו אונ היט אים אונ פאר בארגט אים אונטר זיינע פליגל ביז דער צארן גייט אוועק וויא אין פסוק שטייט זוכט גאט אלע ענוים פון דער וועלט ווען ער טוט זיין משפט זוכט גירעכטיקייט זוכט ענוה טאמער וועט איר פאר בארגן ווערן אין דעם טאג פון גאטס גרים צארן · אונ נאך מער דאס גאט גיט חן צו דיא ענוים וויא אין פסוק שטייט ווען דר מענטש בהעפט זיך צוא שפעטר וועט ער אויך שפעטן אונ ווען ער בהעפט זיך אבר צו ענוים וועט אים גאט געבן חן : גדולה ענוה איז זייער גרויס דאס זיא מאכט ירשנן צו די וואס האבן איר איין שטול פון כבוד וויא אין פסוק שטייט גאט שטעלט אויף פון דר ערד דעם ארומן אונ מאכט זייא ירשנן איין שטול פון כבוד · אויך שטייט אין פסוק פריער פאר כבוד מוז זיין ענוה : גדולה ענוה איז זייער גרויס דאס אין דר צייט וואס גאט וועט העלפין די ישראל וועלין די ענוים זיין בשיינט אונ לוסטיג אונ פריילך מיט כבוד וויא אין פסוק שטייט גאט בשיינט די ענוים מיט הילף דיא חסידים וועלין זיך פרייען מיט כבוד · זייא וועלן זינגן אויף זייערע גילעגר · דאס דר הויבונג פון גאט וועט זיין אין זייער האלז אונ דאס וועט צוא זייא זיין גלייך וויא זייא האלטן איין שווערד מיט צווייא שארפן אין זייערע הענט אונ דיא ענוים וועלן קיין מורא ניט האבן פאר חבלי משיח נייערט זייא וועלן ניצול ווערן מיט גרעכטיקייט אונ מיט רעכט פארטיקייט וויא אין פסוק שטייט דער מלך המשיח וועט משפטן מיט גרעכטיקייט די ארימע פון ישראל אונ ער וועט בווערן מיט רעכט פארטיקייט צו דיא ענוים פון דר וועלט אונ נאך מער דאס זייא וועלן זיך תענוגים אן טאן אונ וועלין זיך אן זעטין מיט זייער חלק אונ מיט זייער נחלה וואס גאט וועט זייא געבן וויא אין פסוק שטייט די ענוים וועלן ירשנן דאס לאנד אונ זייא וועלין זיך תענוגים אן טאן איבער דעם פיל שלום וואס גאט וועט זייא געבן · גלויבט איז גאט ברוך הוא ביז אייביג אמן ואמן :

# התימת ספר מנורת המאור

ארומם ואהלל למלך המלכים · אשר לו החכמה והחיים והיכולת אשר הגיענו לזמן הזה להשלים ולחתום חבור המנורה הזאת להאיר בה דברי מוסר ועצה ותוכחה מוכנות · ועל מתכונתם כפי מה שקבצתים מן המדרשות כסדר שהיה יותר נאות אל דעתי כפי חולשת השגתי · והמימראות אחרות שלא חברתי בו נשארו בעבור ז' טעמים · הא' כשלא מצאתים בחסרון ספרי מדרשות שלא היו בידי · והב' שמאותם הספרים שהיו בידי שכחתי מהם דברים רבים · והג' כי הרבה דברים לא רציתי לחברם שראיתי בלבי שלא היה צורך בהם כפי כוונת החבור · והד' שהנחתי מלכתוב דברים כשיוכל לבא. ההפסד יתירה על השבח בהרבה בני אדם שאינם יודעים להשיג אמתת הדברים הפנימים · והה' עזבתי הדברים החמורים שהם נסתרים וגבוהים ואין מי שישיג כוונתם אלא יחיד בדור · והו' לא רציתי לכתוב הדברים שחשבתי שיוכל לטעות בהם השומע ויגלה למקום מים הרעים ויהא עונו תלוי בי · והז' מצאתי דברים שיש בהם פ"פ למינים כדי שלא אתן מקום לבעל דין להלוק ושלא יכתב בחבור זה דבר שיראה שום אדם מללמדו לכל מי שירצה וגם לדרוש בו ברבים ויצא ממנו עצה ומוסר ובטחון בלי שום הפסד · ואם קצת מדברי אגדות כתבתי במקום אחד ושניתים אח"כ במקום אחר כפי צורך הענין ולא קצרתי בו לכתוב כדאיתא במקום פלוני כמו שעשיתי ברוב היה לפי שלא הייתי זכור שכתבתיו במקום אחר וזה הוא מעט מזער בכל החבור · ובזה אין בו הפסד זולתי טורח המעתיק · והאל יתברך בוחן לבות וכליות יודע שלא חברתי חבור זה להתגדל ולקנות בו שם · כי אדרבה בו גליתי קוצר דעתי ומעוט השגתי · אבל רציתי לטרוח שום זמן בחיבורי כדי שלא אהא מוכרח לטרוח בכל פעם שאצטרך לבקש דברי ענין אחד שהם מפוזרים במדרשות · אלא שיהא מוכן לצרכי ולצורך הרוצה לבקש בענין זה · אל אלהי הרוחות יתן בלב כל קורא בו שידינני לכף זכות ויציל לכל מעיין בו משגיאה והרהור עון ואמונה כוזבת · כן יהי רצון מלפני אלהי השמים אמן :

## נשלם ספר מנורת המאור · שבח ותהלה ליוצר אור :

ארומם ואהלל למלך המלכים איך טוא דער הויבן אונ לויבן צו גאט וואס איז דער מלך איבער אלע מלכים דאס צו אים איז דיא חכמה אונ דאס לעבין אונ דאס יכולת וואס ער האט מיך געבראכט צו דער דאזיגער צייט משלים צו זיין אונ אויס צו לאזין דאס ספר מנורת המאור צו מאכין לייכטין דער מיט דיא שטראף רייד אונ איין עצה אונ קלארע בעווייזונג · אונ איך האב אליך גישטעלט ריכטיג וויא איך האב זייא צו נויף גיזאמילט פון מדרשים אין איין סדר וואס עס האט מיר צום שענסטין אויס גיוויזין נאך מיין קליינעם פאר שטאנד · אונ דיא פיל זאכין פון מדרשים וואס איך האב אין דעם ספר ניט גישריבן דיא האב איך איבר גילאזין איבער זיבין טעמים · איינס איז דאס עס האט מיר גיפעלט פיל ספרים פון מדרשים דאס איך האב זייא ניט גיהאט · דאס אנדערע איז פון דיא ספרים וואס איך האב גיהאט האב איך פאר געסין פיל זאכין פון זייא · דאס דריטע איז דאס איך האב פיל זאכין ניט גיוואלט שרייבין ווייל איך האב גזעהען דאס זייא זיינען ניט נייטיג גישריבן צו ווערין אין דעם ספר · דאס פערטע איז דאס איך האב פיל זאכין ניט גישריבין ווייל איך האב גיזעהען דאס זייא קענען ברייגען מער שאדין וויא נוטצען · דען פיל קענען ניט רעכט פארשטיין דיא ריכטיגע מיינונג פון דיא זאכין אונ וועלין זיך טועה זיין אין זייער רעכטע מיינונג · דאס פינפטע איז דאס איך האב ניט גשריבן דיא הארבע זאכין וואש זיינען פאר בארגין אונ גאנץ הויך ווייל קיינער קען זייא ניט פאר שטיין נאר איינער אין איין דור · דאס זעקסטע איז דאס איך האב ניט גיוואלט שרייבין זאכין וואס איך האב גימיינט דאס דער וואס וועט זייא הערין וועט זיך טועה זיין אין זייא אונ וועט דורך דעם זינדיגן וועל איך זיין זינד מוזין ליידין · דאס זיבעטע איז דאס איך האב גיפונען זאכן וואס די צו לאזענע מענטשין קענען דער פון לאכין · אונ כדי זיי ניט צו געבן אויף וואס צו ריידן האב איך אין דעם ספר ניט גשריבן קיין זאך וואס איינער זאל מורא האבין צו לערנן דאס צו וועמן ער וועט וועלין לערנן · אונ אויך מען זאל קענן פון אים דרשנן זאכן ברבים נאר אן מורא · אונ מען זאל זיך פון אים קענן ארויס נעמן איין עצה אונ מוסר אונ מען זאל פאר זיכערט זיין דאס קיין שאדין וועט פון דעם ספר אים ניט קומען · אונ ווען איך האב זאכין פון אגדות צווייא מאל גשריבן ווייל זייא זיינען נייטיג גיוועזן אויף ביידע ערטר גישריבן צו ווערין אונ איך וואלט גיקענט קירצר שרייבין דהיינו מען זאל דיא זאך אויף דעם ערשטן ארט איין זעהן וויא איך האב אין דיא מיינסטע ערטער גיטאן · דאס איז גיוועזן ווייל איך האב ניט גידיינקט דאס איך האב שוין דיא זאך אויף איין ארט גישריבן · אונ דאס ווערט נאר אין ווייניג ערטער גישעהן · אונ אין דער זאך איז קיין שאדין ניט נייערט דיא טרחה דאס מען מוז עס צווייא מאל שרייבן · אונ גאט יתברך וואס ער פרובט אלע הערצר אונ נירין ער וייס דאס איך האב דעם ספר ניט גימאכט איך זאל מיך דער מיט גרויס מאכין אדער צוא קויפין מיר דער מיט איין גרויסין נאמען · דען אדרבה מיט דעם ספר האב איך אנטפלעקט מיין קורצין שכל אונ מיין קליינעם פאר שטאנד : נייערט איך האב מיך במיעט איין צייט לאנג דעם ספר צו מאכין כדי איך זאל מיך ניט דארפין במיהען צו זוכין איין זאך אין דיא מדרשים ווען איך וועל עס נייטיג דארפין · נייערט עס זאל זיין אן גיברייט צו מיין בדערפניש אונ צום בדערפעניש פון איטליכין וואס עס וועט וועלין איין זאך זוכין זאל ער קענען גלייך אויף זיין ארט גיפינען · גאט ברוך הוא וואס ער וייס אלע גמיטן ער זאל געבין אין דעם הארץ פון איטליכין וואס וועט לייענן אין דעם ספר דאס ער זאל מיך דן זיין לכף זכות אונ ער זאל מציל זיין צו איטליכין וואס וועט לערנען אין דעם ספר פון איין שוגג אונ פון מחשבות פון זינד אונ פון איין פאלשין גלויבין · אזו זאל זיין דער ווילין פון גאט וואס אין הימל איז אמן :

נשלם ספר מנורת המאור · שבח ותהלה ליוצר אור :